ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# מעילה

בלשון הקודש ואידיש

**235**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

ספר

# עין יעקב

## מסכת מעילה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת מעילה

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

כבר נתבאר בסוף פ' בני ממעלות שלא היה לאביו ת"ת אביו קודם לרבו והפי' היה רבו מובהק ר"ל שרוב הכמתו ממנו והוא כוונו במה שאמר כאן אם זכה הבן לפני הרב ר"ל שקבל ממנו רוב הכמתו ומה שאמר בכ"מ ר"ל להשיב אבדה ולפדות ולהחזיר ולפסוק מעליו כמו שנזכר במציעא והדומים לו מכל הדברים היה להם להביא אך אי תועלה רבו קודם וטעון מבואר. עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

שקודין אבל אמרו חכמים האב קודם לאם מפני שהוא ואמו חייבים בכבוד אביו וכן בת"ת אם זכה הבן לפני הרב הרב קודם את האב בכל מקום מפני שהוא ואביו חייבים בכבוד רבו:

## סליק מסכת כריתות

# מסכת מעילה פרק רביעי

הכים ליה בן יוחאי. כלומר נתחכם בדרכה יפה. והשיב להם התלמוד ערוך הוא. לא אמרה מדעתו ששמע מר"א בר' יוסי שאמר כן משום אביו ומנא ליה דלמדה מר' אלעזר בר' יוסי שפעם אחת כו': כיפר קומי. (כסיפר לפניו) שגילח הבער שעל מנחו והניח בלורית כמו הגכרים

(דף יז) **א שאל** רבי מתיא בן חרש את ר' שמעון בן יוחאי ברומי מנין לדם שרצים שהוא טמא א"ל דאמר קרא (ויקרא יא) וזה לכם הטמא אמרו לו תלמידיו חכים ליה בן יוחאי אמר להן תלמוד ערוך הוא בפיו של רבי אלעזר ברבי יוסי שפעם אחת גזרה מלכות גזרה על ישראל שלא ישמרו שבת ושלא ימולו בניהם ושיבעלו נדות הלך רבי ראובן בן איסטרובלי וספר קומי והלך וישב עמהם אמר להן מי שיש לו אויב

---

אין פסוק איש אמו ואביו תיראו. יעדער מענטש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער און פאר זיין פאטער. שטייט פריער דיא מוטער דער נאך דער פאטער. לערונט אונז דער פסוק אז זייא זענען ביידע גלייך. נאר דיא חכמים האבען גזאגט אויב דער פאטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איהם בעדינען. און דיא מוטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איר בעדינען. זאל ער פריער בעדינען דעם פאטער. דער נאך זאל ער בעדינען דיא מוטער. וועיל דער זוהן און דיא מוטער ביידע מוזין בעדינען און געבין כבוד דעם פאטער ווארום צווייב מוז געבין כבוד און בעדינען איר מאן. און אזוי איז דער דין בייא תורה לערנען: אויב דער זוהן האט זוכה געווען צוא לערנען תורה ביי זיין רבי. איז דער רבי פריער פאר זיין פאטער צוא יעדער זאך. ווייל ער און זיין פאטער זענען מחויב צוא געבין כבוד דעם רבי. דאס איז נאר אז דער פאטער איז אעם הארץ. אבער אז דער פאטער איז א למדן. אפילו ער איז ניט אזוי א למדן וויא דער רבי. פון דעסטוועגין איז דער פאטער פריער וויא דער רבי

## פרק רביעי

**א** שאל. רבי מתיא בן חרש האט געפרעגט בייא רבי שמעון בן יוחאי אין רוים. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בלוט פון שרצים איז טמא. הט רבי שמעון געזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק וזה לכם הטמא. האבען דיא תלמידים געזאגט צו רבי מתיא דער בן יוחאי איז קלוג געווארין. ער האט גוט גידרשת. האט רבי מתיא געזאגט בן יוחאי האט דאס ניט געזאגט מיט זיין שכל. נאר רבי אלעזר ברבי יוסי לערנט אזוי. האט בן יוחאי גיהערט פון רבי אלעזר. ווארום אמאהל האט א מלך גוזר געווען אויף דיא יודען זייא זאלען ניט היטען שבת און זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער און זייא זאלען בייא זיין זייערע ווייבער ווען זייא זענען נדות. איז רבי ראובן בן איסטרובלי גיגאנגען און האט אפ גיגאלט דעם פאדערשטען האלבען קאפ און

אויב יעני או יעשיר אמרו ליה יעני אמר להן אם כן לא יעשו מלאכה בשבת כדי שיענו אמרו טבית אמר ליבטל ובטלוה. חזר ואמר להן מי שיש לו אויב יכחיש או יבריא אמרו לו יכחיש אמר להן א"כ ימולו את בניהם לשמונה ימים כדי שיכחישו אמרו טבית אמר ובטלוה. חזר ואמר להם מי שיש לו אויב ירבה או יתמעט אמרו ליה יתמעט אמר להן א"כ לא יבעלו נדות אמרו טבית אמר ובטלוה הכירו בו שהוא יהודי החזירום אמרו מי ילך ויבטל את הגזרה (ע"ב) ילך רבי שמעון בן יוחאי שהוא מלומד בנסים ואחריו מי רבי אלעזר ברבי יוסי אמר להם רבי יוסי אלו היה אבא חלפתא קיים יכולים אתם לומר לו תן בנך להריגה אמר להן רבי שמעון אלו היה יוחאי אבא קיים יכולים אתם לומר לו תן בנך להריגה אמר להם רבי יוסי אנא אזלית דלמא עניש ליה רבי שמעון דקא מסתפינא קביל עליה דלא ליענשיה אפילו הכי ענשיה כשהיו מהלכין בדרך

כדי שלא יכירו שהוא יהודי: א"כ לא יעשו מלאכה בשבת. ולא ירויחו בשבת ועוד מתוך שהם פנויין אוכלין ומתענגין ומוציאין כל מה שהרויחו בחול: א"כ ימולו בניהם. והדם יוצא נקטנים ומתים כחש ואין בנים עוד לאויבם: מלומד בנסים. שנעשו לו נסים כדאיתא בפרק ב"מ בעובדא דמערה: אמר להם ר' יוסי. אביו של ר' אלעזר אמר לחכמים אילו היה חלפתא אבי קיים האמרו לו תן בנך להריגה כך אין אתם יכולים לומר לי שאתן בני להריגה שהיה ירא רבי יוסי שרשב"י מחמת קפדנותו יענים ניכ לר' אלעזר בנו ורבי שמעון לא הבין כוונתו והיה סבור שמפני סכנת הגליות היה אומר כן ולכן השיב לו אף אני נסכתי ואילו היה יוחאי אבא קיים אין אתם יכולין לומר לו תן בנך להריגה עד שא"ל יוסי שהיה ירא שמא

---

אונ האט גילאזין האר פון אינטען אזוי וויא דיא גוים פלעגין גיין. ווייל ער האט גיוואלט מען זאל ניט דער קענען אז ער איז איוד. אונ ער איז אריין גיקומען צווישען דיא שרים פון מלך; אונ ער האט גזאגט צוא זייא אז איינער האט אשונא זאל ער דעם שונא ארעם מאכען אדער רייך מאכען. האבען זייא גיזאגט וצוא רבי ראובן ער דארף איהם ארעם מאכען. האט רבי ראובן צו זייא גזאגט לאזט דיא יודען היטען שבת אונ זייט גוזר אויף זייא אז זייא טארין ניט טאהן אמלאכה אום שבת אונ ווייל דעם טאג שבת וועלין זייא ניט פאר דינען. אונ אום שבת עסין זייא אונ טרינקען. פאר ברייגען זייא דאס געלט וואס זייא האבען פאר דינט דיא גאנצע וואך וועלין זייא ארעם ווערין; האבען דיא שרים גזאגט ואויף רבי ראובן ער האט גוט גזאגט. מען דארף דיא גזרה מבטל זיין. אונ זייא האבען איר מבטל גיוועזן. נאך האט רבי ראובן צו זייא גזאגט דער וואס האט אשונא זאל ער איהם מאגער מאכען אדער פעט מאכען. האבען זייא גזאגט ער דארף איהם מאגער מאכען. האט רבי ראובן גזאגט דארף מען דאך לאזין דיא יודען זייא זאלען מל זיין זייערי קינדער צוא אכט טאג. זייא וועלען מאגער ווערין. ווייל דאס בלוט וואס גייט ארויס פון מל זיין נעמט צוא דעם כח פון קינד אונ דער כח קומט קיין מאהל ניט צוריק. האבען דיא שרים גזאגט ואויף רבי ראובן ער האט גוט גזאגט. אונ זייא האבען מבטל גיוועזן דיא גזרה פון מילה אויך. נאך האט רבי ראובן צוא זייא גזאגט דער וואס האט אשונא זאל ער זאל איהם מערין אדער ער זאל איהם ווייניגער מאכען. האבען זייא גזאגט ער דארף איהם ווייניגער מאכען. האט רבי ראובן צוא זייא גזאגט זאלען דיא יודען ניט בועל זיין נדות נאר זייא זאלען מוזין ווארטען ביז זייערע ווייבער וועלין ריין ווערין. וועלין זייא דאך האבען ווייניגער קינדער. האבען דיא שרים גזאגט ואויף רבי ראובן ער האט גוט גזאגט אונ זייא האבען מבטל גיוועזן דיא גזרה פון נדה אויך. דער נאך האבען זייא דער קענט אז ער איז איוד. האבען זייא צוריק גוזר גיוועזן אלע דרייא גזרות. האבען דיא חכמים גזאגט ווער פון אונז זאל גיין מבטל זיין דיא גזרה. זאל גיין רבי שמעון בן יוחאי ער איז גיוואוהנט מען זאל טאהן צוא איהם נסים. נאך רבי שמעון ווער זאל גיין. רבי אלעזר ברבי יוסי. האט רבי יוסי גזאגט צוא דיא חכמים ווען מיין פאטער חלפתא וואלט גילעבט וואלט איר גיקענט זאגין צו אים גיב דיין זוהן מען זאל איהם הרגנן. קענט איר צוא מיר אויך ניט זאגען אז איך זאל געבין מיין זהן אלעזר צום הרגנן איהם ווארום רבי יוסי האט מורא גיהאט טאמער וועט זיין זוהן אלעזר עפעס ריידען ניט וויא מען דארף. אונ רבי שמעון איז אכעס. וועט רבי שמעון איהם שטראפין אז ער

זאל

בדרך נשאלה שאלה זו לפניהם מנין לדם שרצים שהוא טמא עקם פיו רבי אלעזר ברבי יוסי ואמר וזה לכם הטמא אמר ליה רבי שמעון מעקימת שפתיך אתה ניכר שתלמיד חכם אתה אל יחזור הבן אצל אביו יצא לקראתו בן תלמיון אמר רצונכם אבא עמכם בכה רבי שמעון ואמר שפחה של בית אבא נזדמן לה מלאך ג׳ פעמים אני אפילו לא פעם אחת יבא הנס מכל מקום

קדים

מ״מ

ילכו לדבר שלא כלומו ויעניםו עד שקבל עליו שלא יענישו : עקם פיו . רבי אלעזר ברבי יוסי החזיר פניו ודבר בלחש שלא ירגיש רבי שמעון שהוא משיב תשובה בפניו ואעפ״כ הרגיש ר׳ שמעון וקלנו הואיל וסורה לפניו ומפורש בהגדה דנפל בחולי אסכרה והיה מוטל בספינה וכשנזכר ר׳ שמעון בגדל לא״יו שלא יענישו בקש עליו רחמים ביתרפא וכהאי׳ שוכב בתלי בתוך הספינה עבר עליו אחד מן הספנים ודרך על גלגלו בבלי דעת ויצאה האסכרה מתוך גרונו ונכנס לתוך גרונו של אותו הכסן : בן תלמיון . שד : שפחה של בית אבא . הגר שפחת שרה דכתיב בה שלשה פעמים ויאמר לה מלאך ה׳ שנזדמנו לה שלשה מלאכים זה אחר זה : יבא הנס

---

זאל שטארבען . דריבער האט רבי יוסי ניט געוואלט אז אלעזר זיין זוהן זאל גיין צו זאמען מיט רבי שמעון . רבי שמעון האט אבער ניט געוואוסט אז דאס מיינט רבי יוסי . ער האט גיט אכט אז רבי יוסי מיינט אז דער וועג אליין צו גיין צו שרים בעטין פון יודינס וועגן דאס איז אסכנה . דריבער האט רבי שמעון גזאגט איך אליין בין דאך אויך אין דיא זעלביגע סכנה איך גיי דאך מיט איהם צו זאמען : דריבער האט רבי שמעון גזאגט ווען מיין פאטער יוחאי וואלט גילעבט וואלט איר גיקענט זאגין צו איהם גיב דיין זוהן מען זאל איהם הרגנן . וויל איך אויך ניט גיין טאמער וועט מען מיך הרגנן . האט רבי יוסי איצט גזאגט צוא דיא חכמים דער וועג וום מען וועט גיין צו דיא שרים איז ניט אסכנה . ווארום איך אליין וועל גיין מיט רבי שמעון . נאר איך האב מורא צוא שיקען מיין זוהן אלעזר מיט רבי שמעון . טאמער וועט מיין זוהן עפעס רייזן צו פיר אונ רבי שמעון איז אכעסן . טאמער וועט רבי שמעון איהם שטראפין . האט רבי שמעון אויף זיך גענומען ער זאל איהם ניט שטראפין . פון דעסטוועגין האט ער איהם יא גישטראפט . ווארום ווען רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג מיט רבי אלעזר . האט מען גיפרעגט פאר זייא דיא שאלה . פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בלוט פון שרצים איז טמא . האט רבי אלעזר ברבי יוסי אומגיקערט זיין מויל אן אזייט . רבי שמעון זאל ניט זעהן ווי ער רעט . אונ ער הט גיענטפערט וייל עס שטייט אין פסוק וזה לכם הטמא . פון דעסטוועגין האט רבי שמעון דער זעהן ווי ער ענטפערט צו דעם פרעגער . איז רבי שמעון אין כעס גיווארין פר וואס האט רבי אלעזר גיענטפערט פאר איהם . האט רבי שמעון גזאגט צו רבי אלעזר פון דיין מאכונג מיט דעם מויל וואס דוא רעדסט אין דער שטילו דער קענט מען אז דוא ביסט אתלמיד חכם . אונ דו ענטפערסט אתשובה אויף דער שאלה וואס מען האט דא גיפרעגט פאר מיר . איז רבי שמעון אין כעס גיווארין אונ הט גיפלוכט רבי אלעזרן אונ ער האט גזאגט דער זוהן זאל ניט צוריק קומען צו זיין פאטער ואיז רבי אלעזר קראנק גיווארין ער האט בעקומען אסכרה אין האלדז . אונ ער איז גילעגין אין אשיף . אונ וויא רבי שמעון האט זיך דער מאנט אז ער האט צו גזאגט צו רבי יוסי אז ער זאל זיין זוהן ניט שטראפין . האט רבי שמעון גיבעטין ביי גאט רבי אלעזר זאל גיזונד ווערין . אונ וויא רבי אלעזר איז אזוי גילעגין קראנק אין דיא שיף . איז איינער פון דיא שיפערס גיגאנגען אין דיא שיף אונ ער האט ניט גיזעהן וויא רבי אלעזר ליגט אויף דער ערד . האט ער ניט ווילענדיג ארויף גיטרעטין אויף דיא האלדז פון רבי אלעזר . איז ארויס גיגאנגען דיא אסכרה פון רבי אלעזרס האלדז אונ עס איז אריין גיגאנגען אין דעם שיפערס האלדז . דער נאך איז ארויס גיקומען דער שד וואס הייסט בן תלמיון אונ ער האט גזאגט צוא רבי שמעון אונ רבי אלעזר . אויב איר ווילט וועל איך מיט קומען מיט אייך . האט רבי שמעון גיוויינט . אונ האט גזאגט דיא דינסט פון אברהם אבינו והגר ווען זיא איז אנטלאפין פון שרהן איז צו איר גיקומען דריי מלאכים איינר נאך דעם אנדערין . צו מיר איז אפילו איין מלאך אויך ניט גיקומען . זאגט רבי שמעון זאל דער נס קומען פון וואו עס וויל . פון אמלאך אדער פון אשד נאר עס זאל זיין אנס . הט רבי שמעון גזאגט צום שד קום מיט אונז והאט בן תלמיון גזאגט צו רבי שמעון אונ רבי אלעזר איך וועל גיין פאר

אוים

קדים הוא על בברתיה דקיסר כי מטא התם אמר בן תלמיון צא בן תלמיון צא כיון דקרו ליה נפיק אזל אמר להן שאילו כל מה דאית לכון למשאל ועיילינהו לגינזא לשקול כל דבעו עולו אשכחו להיא איגרתא שקלוה קרעוה והיינו דאמר רבי אלעזר ברבי יוסי אני ראיתיה ברומי והיו עליה כמה טיפי דמים :

מ"מ. יצא עמה : עאל בברתיה דקיסר. נכנס בן תלמיון לתוך גופה של בת הקיסר ויש מפרשים אחרת א"ל בן תלמיון אנא קדימנא ועאיל בברתיה דקיסר ונשתגעה ולא לשתכחו אסיא דמסי לה עד דתיתון אתון ותימרון לי פוק ונפיקנא ובההיא עבדי לכו מה דבעיתו וזה יהיה לכם אות דכי נפיקנא מינה מתברנא כל כלי זכוכית של בית הקיסר. [בכת"י שבגמרא איתא א"ל עאל בברתיה דקיסר. ונשתגעה והיתה צועקת ואומרת כנו לי את רשב"י בכל שעה וכו'] : אני ראיתיה ברומי. פרוכת המבדלת בין היכל לק"ק : והיו עליה כמה טיפי דמים. מהזאת פר ושעיר של יוה"כ. ופי' אני ראיתיה כשלא ; לכם פנים כשלקחו בגזה והכלים כל אוצר המלך : אמבה היתה איגרתא. דכתיבי בה הנך גזירות דאמרן לעיל :

## סליק מסכת מעילה

## מסכת תמיד פרק ראשון

(דף ט ע"ב) **א פיסקא** פרחי כהונה איש כסותו בארץ אמאי התם קרי להו רובים והכא קרי להו (דף כו) פרחי כהונה אמרי אין התם דלא מטו למעבד עבודה קרו להו רובים והכא דמטו למעבד עבודה קרי להו פרחי :

התם קרי להו רובים. ורובים בחורים שכ : והכא קרי להו פרחי. אמאי : התם. גבי במילה : דלא מטו למעבד עבודה. שלא הגיעו לעשות עבודה כגון שהיו פחותים מי"ג שנה קרי להו רובים כלומר נערים : הכא דמטו בכלל עבודה. שכל אותם שישנים שם בבית המוקד ראוים לעבודה דבשביל כך הם ישנים שם כדי שיהו מזומנים למחר לעבודה ביום עבודתם דכל משמרה מתחלקת לשבעה בתי אבות כנגד שבעה ימי השבוע ובשבת עובדין כולן ביחד והולקים יחד קרי להם פרחי כהונה שלא הגיעו עדיין לכלל זקנה :

א"ל

---

אוים אונ איך וועל אריין גיין אין דעם קיסרס טאכטער וועט זי משוגע ווערין · אונ אלע דאקטורים וועלין איר ניט קענען העלפען · ביז איר וועט קומען אונ איר וועט זאגין צו מיר גיי ארויס וועט איך ארויס גיין · וועט שוין דער קיסר אייך טאהן וואס איר וועט וועלין · אונ אצייכען וועט איר האבען אז איך בין שוין ארויס גיגאנגען · ווען איך וועל ארויס גיין פון איר וועל איך צווא ברעכין אלע גלעזערנע כלים וואס ביי דעם קיסר אין שטוב! · איז בן תלמיון גיגאנגען פאר אוים אונ איז אריין גיגאנגען אין דעם קיסרס טאכטער ואיז זיא משוגע גיווארין · וויא רבי שמעון איז געקומען צום קיסר האט ער גזאגט בן תלמיון גיי ארויס · בן תלמיון גיי ארויס · וויא בן תלמיון האט גיהערט מען רופט איהם איז ער ארויס גיגאנגען · האט דער קיסר גזאגט צו רבי שמעון אונ רבי אלעזר איר מעגט ביי מיר בעטין אלין וואס אי' ווילט בעטין · אונ מען האט זייא אריין געפירט אין די אוצרות פון קיסר זייא זאלען נעמען וואס זייא ווילען · וויא זייא זענען אריין גיקומען אין דיא אוצרות האבען זייא גיפונען דיא פאפירען וואס אויף זייא איז גיוועזן געשריבען דיא גזרות · האבען זייא דיא פאפירען צוריסען · דאס איז וואס רבי אלעזר ברבי יוסי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם פרוכת אין רוים ווען איך בין גיוועזן אין דיא אוצרות פון קיסר! אונ אויף דעם פרוכת איז גיוועזן בשפריצט פיל טראפין בלוט · וון דער כהן גדול הט געשפריצט אום יום כפור :

## פרק ראשון

**א** פיסקא · פרחי · דיא יונגע כהנים וואס האבען גינעכטיגט אין בית המקדש האט יעדער גיליינט זיין קלייד אויף דיא ערד · אונ איז גישלאפען אויף איר · פרעגט די גמרא פאר וום אמאהל רופט מען דיא יונגע כהנים רובים · אונ אצאהל רופט מען דיא יונגע כהנים פרחי · ענטפערט די גמרא אז זייא זענען אלט פר דרייצעהן יאהר וום זייא טארין נאך ניט טאהן די עבודה · זייא זענען נאר אין בית המקדש צום היטען · רופט מען זייא רובים · קינדער · אונ דיא יונגע כהנים וואס זענען שוין אלטער ווי דרייצעהן יאהר · זיי טוהען שוין די עבודה אין בית המקדש ווי זענען שוין מקריב קרבנות! רופט מען זייא פרחי כהונה · יונגע כהנים :

אמר